# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

379 | פרשת אחרי מות קדושים | תשפ"א

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### וידוי דורך א שליח

"וְסָמַךְ אַהֲרֹן אֶת שְׁתֵּי יָדָו עַל רֹאשׁ הַשָּׂעִיר הַחַי וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶת כָּל פִּשְׁעֵיהֶם לְכָל חַטֹּאתָם" (טז כא)

**רבי יוסף מטראני** - דער מהרי"ט שרייבט, טראץ וואס ביי אלע מצוות איז באקאנט דער כלל: "שלוחו של אדם כמותו" (קידושין מב א), אבער מצוות וואס מ'איז זיי מקיים דורך דיבור, קען מען זיי נישט מקיים זיין דורך א שליח (זעה גיטין סו ב).

די מפרשים וואונדערן זיך אויף זיינע ווערטער פון אונזער פסוק וואו עס שטייט קלאר אז דער כהן גדול איז געווען דער שליח פון כלל ישראל זיך מתוודה זיין אויף זייערע זינד. זעט מען אז אויך א מצוה וואס ווערט געטון דורך א דיבור אזוי ווי וידוי קען געטון ווערן דורך א שליח (זעה 'מנחת חינוך' שסד ח)

ערקלערט **רבי שלמה קלוגער**:

די וידוי פונעם כהן גדול איז נישט געזאגט געווארן צוליב די אידן און אין זייער שליחות, נאר צוליב זיך אליינ'ס; ווייל אויף אים ליגט א חוב מוחה זיין אויף די בעלי עבירה און אכטונג געבן זיי זאלן נישט זינדיגן ווייטער (זעה שבועות לט א), דעריבער טראגט ער א אחריות אויף די זינד פון אלע אידן.

שו"ת 'מהרי"ט' ח"א קכז; 'חכמת התורה' עמ' קעו

### דער נוסח פון די 'עבודה' איז לויט רבי אלעזר בן עזריה

"כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ" (טז ל)

אין משנה (יומא פה ב) שטייט: "דרש רבי אלעזר בן עזריה: 'מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו' - עבירות שבין אדם למקום, יום הכיפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו, אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו. אמר רבי עקיבא: אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם - אביכם שבשמים..."

דער **מהרש"א** (שם) ערקלערט אז רבי אלעזר בן עזריה מיט רבי עקיבא קריגן זיך ארום צו וואו געהערן די ווערטער: "לפני ה'"; רבי אלעזר בן עזריה לייגט זיי אויף ארויף, אז יום כיפור איז מכפר אויף די אידן נאר: "מִכֹּל **חַטֹּאתֵיכֶם** [וואס זענען] לִפְנֵי ה'", ד.מ. עבירות וואס זענען 'בין אדם למקום'. אבער רבי עקיבא לערנט די ווערטער אויף אראפ: "לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", וועגן דעם דרש'נט ער דעם פסוק: "לפני מי אתם מטהרין... אביכם שבשמים".

מיט דעם האט ערקלערט דער **גאב"ד רבי יצחק יעקב ווייס** דעם נוסח ביי די 'עבודה' וואס ווערט געזאגט ביי מוסף פון יום כיפור: "וכך היה אומר... 'כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה'"... והכהנים והעם העומדים בעזרה... ואף הוא היה מתכוון לגמור את השם כנגד המברכים ואומר להם: 'תִּטְהָרוּ'". לכאורה, וויאזוי טיילן מיר אפ צווישן די ווערטער "לפני ה'" און דיווארט "תטהרו", איינס, דער פסוק פאלירט דאך די ריכטיגע טייטש, און נאך, עס זעט אויס ווי ער איז זאגט דעם שם שמים לבטלה?

נאר דער מחבר פון דער פיוט האלט ווי רבי אלעזר בן עזריה, און אזוי ווי דער מהרש"א ערקלערט אז לויט זיין שיטה איז די ווארט 'תטהרו' עקסטער פאר זיך, קומט אויס אז מ'האט נישט מפסיק געווען אינמיטן א ענין.

שו"ת 'מנחת יצחק' ח"ז סי' מא

### ענטפערן אמן איז מרבה שלום

"וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'" (יט יח)

אין סוף מסכת נזיר (סו ב) נאך וואס די גמרא ברענגט דעם מאמר: "גדול העונה יותר מהמברך", ווערט אויך געברענגט די באקאנטע מאמר: "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם". די קשר צווישן די צוויי מאמרים ערקלערט **רבי אליהו שיק דער רב פון לידא**:

ווען די חכמים וואלטן נישט געזאגט דעם כלל פון 'גדול העונה אמן יותר מהמברך', אין די פעלער וואס דער ציבור איז יוצא די ברכה דורכ'ן הערן פון איינעם, וואלט ווען אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן די מענטשן ווייל אלע וואלטן געוואלט זוכה זיין זאגן די ברכה. אבער ווייל די חכמים האבן געזאגט אז 'גדול העונה', וועט נישט זיין די סארט קריגערייען. קומט אויס אז דורך זייער תקנה האבן די חכמים פארמערט שלום בעולם.

'עין אליהו' נזיר סו

### תפילה - איז די בעסטע רעטונג

"לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ" (יט טז)

"לראות במיתתו ואתה יכול להצילו, כגון טובע בנהר" (רש"י).

דער **'חזון איש'** שרייבט:

בפשטות באציט זיך דער ציווי: "לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ" אויף א גשמיות'דיגע השתדלות וואס דער מענטש איז מחויב צו טון ווען ער זעט זיין חבר אין א צרה. אבער מיר דארפן וויסן אז די השתדלות איז נאר ווי 'באצאלן דעם חוב' וואס ליגט אויף אונז, און חלילה מיר זאלן טראכטן אז מיר קענען אים ראטעווען אין די בחינה פון: "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה" (דברים ח ז). וועגן דעם איז גרעסער די כח פון דער וואס דאוונט און בעט אויף זיין חבר וואס געפונט זיך אין א צרה, פון דער וואס טוט השתדלות אים ראטעווען.

אבער, עס איז קלאר פאר יעדן אז אויב זעט א מענטש ווי זיין חבר דערטרונקט זיך אין טייך, און אנשטאט אריינטאנצן אין די וואסער אים ראטעווען שטעלט ער זיך דאווענען אויף אים, איז ער דאך ווי א רוצח! נאר, ווען ער ווייסט קלאר אז ער האט נישט די מעגליכקייט אים ראטעווען, אנשטאט זיך סתם פלאגן כדי צו בארואיגן זיין אינערליכע געפיל, זאל ער זיך שטעלן דאווענען אויף אים, ווייל דער עיקר איז דאווענען.

'החזון איש בדורותיו' עמ' ריז

### 'יתמו חטאים - ולא חוטאים'

"לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" (יט יז)

די חכמים זאגן (פסחים קיג ב) אז מ'מעג און ס'איז אויך א מצוה פיינט האבן א רשע וואס האט עובר געווען במזיד אויף איין מצוה פון די תורה. אבער תוספות (שם ד"ה שראה) לייגט צו, אז די גאנצע היתר פיינט האבן דעם זינדיגער איז נאר צוליב זיינע זינד. וועגן דעם דארף מען אכטונג געבן אז די פיינטשאפט זאל נישט ווערן א פערזענליכן פיינטשאפט, וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן דער איסור אין אונזער פסוק.

מיט דעם פארענטפערט דער **'אמרי אמת'** דעם לשון המשנה (אבות ד יט): "שמואל הקטן אומר (משלי כד יז): 'בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ אַל יָגֵל לִבֶּךָ'" - לכאורה איז שווער: שמואל הקטן האט דען געזאגט דער ענין, עס איז דאך א אפענער פסוק אין משלי?

נאר, ווייל שמואל הקטן האט מתקן געווען די ברכה 'ולמלשינים אל תהי תקוה' (ברכות כח ב), האט ער שטענדיג גע'חזר'ט דעם פסוק: "בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח", צו זאגן: כאטש איך בעט יעדן טאג אז די מינים און רשעי ישראל זאלן פארלוירן ווערן, איז מיין פיינטשאפט צו זיי נאר ווייל זיי זענען בעלי עבירה, און איך געב אכטונג זיי זאלן נישט ווערן מיינע פערזענליכע פיינט.

'אמרי אמת' ליקוטים דף טו


### אזוי זאגט צו רשב"י אין זוהר הק' (וילך רפה ב):

כַּד יִשְׂרָאֵל לְתַתָּא מְשַׁמְּרִין לַאֲתָבָא אָמֵן - ווען די אידן אונטן היטן אפ צו הערן די ברכה פון דער מברך, כדי צו ענטפערן אויף דעם אמן, לְכַוְּנָא לְבַיְיהוּ כְּמָה דְּאִצְטְרִיךְ - און געבן אכטונג אינזין די כוונה פון אמן אזוי ווי עס דארף צו זיין, דער באלוין אויף דעם: כַּמָּה פִּתְחִין דְּבִרְכָאן פְּתִיחָן לְהוּ לְעֵילָּא - וויפיל טויערן פון ברכות עפענען זיך פאר זיי אויבן, כַּמָּה טָבָאן מִשְׁתַּכְּחִין בְּכֻלְּהוּ עָלְמִין - וויפיל גוטס זענען דא אין אלע וועלטן, כַּמָּה חֵדוּ בְּכֹלָּא - וויפיל שמחה איז דא אין יעדע פלאץ... כְּמָה דְּיִשְׂרָאֵל פָּתְחִין לְהוּ תַּרְעִין דְּבִרְכָאן - אזוי ווי די אידן האבן געעפענט די טויערן פון ברכות, כַּךְ הַשְׁתָּא פִּתְחוּ שְׁעָרִים - אזוי אויך יעצט זאל זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון די תפילות, וְתִתְקַבֵּל צְלוֹתְהוֹן און זייערע תפילות זאל אנגענומען ווערן.

ענק נויטיגן זיך אין א ישועה? ענק ווילן עס זאל זיך עפענען פאר ענק די טויערן פון ברכה? ענק ווארטן ענקערע תפילות זאל אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון?

ענק האבן א פשוטע און גרינגע עצה. ענק זאלן ענטפערן אמן בכוונה,

אמן, איין ווארט, דריי אותיות, א שפע פון ברכות און ישועות



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## "יגדל" (ב)

### דער ערשטער עיקר - מציאות ה'

דער ערשטער שטיקל פון דער פיוט איז אקעגן דער ערשטער עיקר פון די י"ג עיקרים. דער עיקר איז מחייב מיר זאלן גלייבן אין מציאות ה', און ער האט אלעס באשאפן, און זיין מציאות געבט אריין פאר די גאנצע בריאה די מעגליכקייט זי זאל קענען שטענדיג עקזיסטירן (רמב"ם יסודי התורה א א, פירוש המשניות סנהדרין פתיחת פרק י).

דער משורר האט אויסדערוועלט ארויסברענגען דעם עיקר מיט די ווערטער "נמצא, ואין עת אל מציאותו". די מציאות פונעם באשעפער איז העכער פון די באגריף פון מענטשן וואס זענען קרוצי חומר, אבער אלע פארשטייען אז עס מוז זיין אז ער עקזיסטירט, און דעריבער ווערט ער אנגערופן אין אונזער מויל "נמצא" (פירוש על הרמב"ם יסודי התורה שם). צו דעם, הקדוש ברוך הוא איז דער איינציגסטער אמת'דיגער מציאות אויף די גאנצע וועלט און אלע אנדערע באשעפענישן זענען אנגעהאנגען אין אים און קענען נישט עקזיסטירן איין מינוט אן אים, און אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (יסודי התורה א ד): "דאס איז וואס דער נביא זאגט (ירמיהו י י): 'וה' אלהים אמת', ער אליין איז דער אמת און א אנדערער האט נישט די אמת'דיגקייט אזוי ווי זיין אמת איז, און דאס איז וואס די תורה זאגט (דברים ד ה): 'אין עוד מלבדו', ד.מ. אויסער אים איז נישטא די מדה פון אמת אזוי ווי ער איז" (יחל ישראל' עמ' עח).

אנדערשט פון יעדער 'נמצא' וואס זיין מציאות האט זיך אנגעהויבן אין א געוויסע צייט, און ביז יענע צייט האט די בריאה געקענט עקזיסטירן אן אים, אבער צו די מציאות פון ה' 'אין עת', די גאנצע בריאה איז זיין ארבעט, און יעדע איינצעלהייט פון איר קען נישט עקזיסטירן אן אים. אויסער דעם; די אלע באשעפענישן - האבן א צייט וואס זייער מציאות קען אויפהערן עקזיסטירן, אפילו אויף א שטיקל צייט, דאקעגן די מציאות פון ה' קען זיך נישט אויפהערן אין קיין שום צייט, ווייל די באגריף 'צייט' איז א באגריף פון א מענטש וואס איז באגרעניצט, און כאטש אז צוליב די סיבה קענען מיר דאס נישט באגרייפן מיט אונזער שכל, דארפן מיר וויסן אז הקדוש ברוך הוא איז העכער פון יעדע באגריף פון צייט (עץ יוסף' אין סידור 'אוצר התפילות').

### די אמונה אין די עקזיסטענץ פון די בריאה און עס פירן

אויסער דעם אז די מציאות פון ה' געבט די עקזיסטענץ פאר די גאנצע בריאה אין יעדע מינוט. איז אין דער עיקר אויך אריינגערעכנט די אמונה אז הקדוש ברוך הוא איז משגיח אויף דער וועלט און פירט עס שטענדיג לויט זיין ווילן (רמב"ם שם ה), און אזוי ווי דער עיקר ווערט געשילדערט אין דער נוסח 'אני מאמין' וואס מיר פירן זיך זאגן נאכן דאווענען: "אני מאמין באמונה שלימה, שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים".

דער מקור פון דער עיקר טרעפן מיר אין די ערשטע מצוה וואס אויף דעם זענען מיר באפוילן געווארן אין די עשרת הדברות (שמות כ ב): "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" (רמב"ם שם ו), "און זיין טייטש איז, ווי ער וואלט געזאגט ענק זאלן וויסן און גלייבן אז דער וועלט האט א גא-ט" (ספר החינוך מצוה כה).

עס איז באקאנט די ווערטער פון רבי חיים וואלאזשינער אויף די גרויסע נוצן וואס דער מענטש האט פון זיך מתבונן זיין אין מציאות ה' און זיין גענצליכע געוועלטיגונג אין זיין וועלט, און אזוי שרייבט ער (נפש החיים' ג יב): "און אין אמת'ן איז עס א גרויסער ענין און א וואונדערליכע סגולה, אפטון און מבטל זיין פון זיך די אלע פרעמדע דינים און רצונות, זיי זאלן נישט קענען געוועלטיגן אויף אים און נישט מאכן אויף אים קיין שום רושם, ווען דער מענטש באפעסטיגט אין זיין הארץ מיט א קלארקייט: דער אייבערשטער איז דער אמת'דיגער גא-ט, און עס איז נישט פארהאן אויסער אים קיין שום כח אויף דער וועלט און אין אלע וועלטן, און אלעס איז פול נאר מיט השי"ת, און אין הארץ איז ער מבטל מיט א גענצליכע ביטול און קוקט זיך נישט אום אויף קיין שום כח און ווילן אויף דער וועלט, און איז משעבד און איז מדבק זיין ריינע מחשבה נאר צו דעם איינציגן האר ברוך הוא, וועט דער אייבערשטער אים העלפן אז פון זיך אליינ'ס וועלן בטל ווערן פון העכער אים די אלע כוחות און רצונות אויף דער וועלט זיי זאלן נישט קענען גארנישט טון פאר אים".

### מלוא כל הארץ כבודו

אין די כוונה פון דער לשון 'נמצא ואין עת אל מציאותו' ליגט אויך באהאלטן א וויכטיגע יסוד אין ענין פון דאווענען: דער אייבערשטער איז שטענדיג 'נמצא' נעבן אונז און הערט צו אונזער תפילה אין יעדע צייט, אזוי ווי עס דער לשון הפסוק (דברים ד ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו". אבער מיר זאלן נישט טראכטן ווייל מיר זענען אזוי נאנט צו אים קענען מיר אים באגרייפן, ניין, ווייל "אין עת אל מציאותו" - עס איז נישטא קיין צייט וואס דער מענטש קען באגרייפן הקב"ה (סידור 'דובר שלום' [פון ר"י לאנדא]).

עס איז באוואוסט די ערציילונג אויף הרה"ק רבי נפתלי צבי ראפשיצער, וואס נאך אלץ קליין קינד איז ער באקאנט געווען מיט זיין זעלטענעם שארפן קאפ, איין טאג האט איינער זיך געוואלט איבערצייגן זיין קלוגשאפט האט ער אים געזאגט: "נפתלי צבי, איך וועל דיך געבן א גאלדענעם רענדל אויב דו וועסט מיר וייזן ווי הקדוש ברוך הוא געפונט זיך". האט דער קינד געענטפערט מיט א שמייכל אויף זיין פנים: "און איך וועל דיר געבן צוויי גאלדענע רענדלעך אויב דו וועסט מיר ווייזן וואו ער געפונט זיך נישט..." (צדקת החכם' עמ' 39).

### שבח וגדולה

דער משורר הייבט אן זיין פיוט מיט די ווערטער: "יגדל אלוקים חי, וישתבח". די טיטול פון 'גדולה' ווערט געמאסטן לויט די אנדערע ארום, אבער 'שבח' קען מען רעכענען לויט דעם געלויבטן אליין. אין די באציאונג צום באשעפער כאפט אן דער משורר סיי דעם לשון 'יגדל' און סיי 'ישתבח', צו מרמז זיין אויפן געדאנק וואס ווערט ארויסגעברענגט אין דעם פיוט, אז דער איבערשטער וואס איז אויף אייביג, איז 'גדול' - אקעגן אלע באשעפענישן צוזאמען, און איז 'משובח' - פון זיין זייט אליינ'ס, ווייל ער איז דאך מושלם מיט אלע ערליי שלימות וואס א מענטש קען נאר טראכטן (עץ יוסף' בסידור 'אצר התפילות').

נאך טייטשט מען: אין דעם טיטול 'יגדל' האט דער משורר מרמז געווען דעם יסוד וואס ברענגט ארויס אונזער אמונה. די גוים רופן אן השי"ת מיטן טיטול 'רם', ווייל זיי גלייבן נישט אז ער איז משגיח אויף דעם עולם השפל, און דער טיטול 'רם' באדייט אז ער איז העכער און דערהויבן פון אונז. אבער מיר גלייבן אז צוליב זיין ענוה איז ער משגיח מיט א השגחה פרטית אויף זיינע באשעפענישן און ווייסט אלע זייערע מעשים און מחשבות, אזוי ווי די חכמים זאגן (חולין ז ב): "אין אדם נוקף [=צוקלאפט] אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה". ווענגן דעם האט דער משורר אנגעהויבן: "יגדל אלקים חי" דער אייבערשטער וואס לעבט אויף אייביג איז גרויס מיט דעם וואס זיין השגחה איז פון די הימל ביז צו ערד, "וישתבח" - און זיין השגחה אויף די באשעפענישן איז זיין לויב (סידור 'דובר שלום').

**יגדל** עס זאל גרויס ווערן דער **אלקים** וואס איז **חי** אייביג **וישתבח**, כאטש מיר האבן נישט קיין באגריף אין אים, דאך גלייבן מיר אז ער איז דער ריכטיגער **נמצא** וואס אלע באשעפענישן זענען אין אים אנגעהאנגען, **ואין עת אל מציאותו**, זיין מציאות איז נישט אנגעהאנגען אין א צייט

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א הונט וואס איז פון הימל געשיקט געווארן

דאס האט פאסירט פאר איבער פערציג יאר צוריק. אין די יאר וואס די ערציילונג איז פארגעקומען איז אין א ערב שבת קודש אויסגעפאלן די יומא דהילולא פון משה רבינו רעיא מהימנא. עס איז נאך באקאנט פון די פריערדיגע יארן דער מנהג ארויף צו גיין אין דער טאג צו די הייליגע פלאץ מירון, אויך יענע יאר האבן זיך ארגעניזירט באסעס ארויס צו פארן דאנערשטאג פון בני ברק און ירושלים, מיטן חשבון צוריק קומען פרייטאג אינדערפריה.

הרה"ח ר' נפתלי ג. זצ"ל, און יבלחט"א זיין פריינד הרה"ח יהושע ר. שליט"א, צוויי ערליכע ירושלים'ער יונגעלייט וואס זענען געוואוינט געווען צו פארן יעדע יאר אין דעם הייליגן טאג קיין מירון, האבן נישט געקענט ארויספארן דאנערשטאג, און ווייל זיי האבן נישט געוואלט דערלייגן די גרויסע זכות פון צו זיין אין מירון אין אזא חשובע טאג, האבן זיי אפגעשמועסט צווישן זיך פארן צוזאמען פרייטאג אינדערפריה, און בלייבן אויף שבת קודש אין אתרא קדישא מירון.

אין א פריה פארמיטאג שטונדע אין די פרייטאג'דיגע טאג זענען זיי ביידע אויסגעפארן מיט די באס וואס איז געפארן פון ירושלים אויף די ריכטונג פון צפת, און נאך א לאנגע און שווערע רייזע זענען זיי אראפ אין די סטאנציע נעבן די ישוב מירון.

יעדער איינער וואס איז זוכה צו זיין פון צייט צו צייט אויף די ציון פון הייליגן רשב"י ווייסט אז אין די מינוט וואס זיינע פוס טרעטן אריבער די שוועל פון מירון, נעמט אים ארום א געפיל פון התרגשות און א אינערליכע בענקעניש. אויך אונזערע באקאנטע, די צוויי יונגעלייט, באלד ביים אראפ גיין פון באס האבן זיי באלד אנגעהויבן ארויף קריכן די געדרייטע וועג וואס פירט צום ציון פון רשב"י, און נאך עטליכע מינוט האבן זיי שוין אנגעכאפט די קאלטע מארמארשטיין די מציבה העכער די מערה וואו דארט ליגט באערדיגט דער גרויסער צדיק.

אין יענע דערהויבענע מינוטן, שטייענדיג אין די פלאץ וואס איז זייער מסוגל אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן איז פארגעסן געווארן פון זיי יעדע זארג און פלאג, זייער מח און הארץ איז נאר געווען אריינגעטון אין די ווערטער וואס זיי האבן דארט געדאוונט און געבעטן.

די צוויי האבן זיך אויפגעהאלטן א לענגערע צייט נאנט צו די הייליגע מציבה, און נאר נאך וואס זיי האבן געפילט אז זייער נשמה איז שוין אנגעזעטיגט געווארן, האבן זיי אנגעהויבן טראכטן פון א פלאץ וואו דארט וועלן זיי קענען עסן די שבת'דיגע סעודות און נעכטיגן. מיט סייעתא דשמיא האבן זיי געטראפן א פלאץ וואו דארט זענען געווען פארזאמלט א גרופע חסידים ואנשי מעשה יראים ושלמים וואס האבן א לאנגע צייט צוריק זיך ארגעניזירט א 'שבת התאחדות' אויף דעם שבת אין מירון. זיי האבן זיך געפריידט אריינעמען די געסט, און די צוויי האבן אריינגעטראגן זייערע פעקלעך אין זייער צימער.

ווען זיי האבן געענדיגט זייערע הכנות אויף שבת, האבן זיי געקוקט אויף זייער זייגער און געזען אז עס איז נאך איבערגעבליבן אסאך צייט ביז די צייט וואס דער שבת קומט אריין, דעריבער האבן זיי באשלאסן אויסנוצן די צייט אויף א שפאציר צווישן די גאסן אין מירון, שעפן פרישע לופט פון די גליל בערג און ספעציעל פון די הייליגע ארט.

די צוויי האבן שפאצירט צווישן די קליינע געסעלעך פון די ישוב, ווען אינמיטן זייער גיין שמועסן זיי שיחת חולין פון תלמידי חכמים, פארשידענע ענינים העומדים ברומו של עולם. אבער ווי לענגער די שמועס האט זיך פארצויגן האבן זיי זיך דערווייטערט פון די געגנט און די זייגער האט זיך אויך גערוקט. אזוי ווייט האט זיך פארצויגן זייער שמועס, אז ווען איינער האט זיך דערמאנט קוקן אויף זיין האנט-זייגער, איז ער אויפגעציטערט געווארן צו זען ווי שפעט ס'איז. א שטארקער גרודער האט נאך מער אויפגערודערט זייער הארץ, ווען זיי האבן באמערקט אז זיי זענען זייער ווייט פון זייער אכסניא, און אויב זיי וועלן נישט טרעפן א קורצע וועג וועלן זיי אנקומען אין זייער אכסניא נאך די צייט וואס דער שבת קומט אריין.

זיי האבן זיך ארום געקוקט, און פלוצלינג האט זיך איינער דערמאנט אז ממש נאנט צו זיי איז דא א וועג וואס קען פארקורצן זייער וועג ביז צום ציון פון רשב"י, און פון דארט ביז די אכסניא איז די וועג זייער קורץ.

זענען זיי אראפ פון די הויפט וועג וואו זיי זענען געגאנגען, און האבן זייער שנעל געטראפן דעם געוואונטשענעם וועג. זיי האבן אנגעהויבן גיין שנעל אויף די וועג וואס פירט צום ציון פון רשב"י.

אבער פלוצלינג, אזוי ווי פון די ערד, איז זיי אקעגן געקומען א שווארצער שרעקעדיגער הונט, ער האט זיך אוועקגעשטעלט אקעגן זיי און אנגעהויבן בילן אזוי ווייט אז זיי האבן זיך דערשראקן און האבן אנגעהויבן גיין אויף צוריק. עס האט זיי אויסגעזען אז זייער גיין אויף צוריק האט בארואיגט דעם הונט, ער האט אויפגעהערט בילן, אבער ער האט זיך נישט אוועק גערוקט פון זיין פלאץ.

זיי צוויי זענען געשטאנען אויף זייער פלאץ און געקווענקלט וואס צו טון, זיי האבן נישט געהאט אסאך צייט צו טראכטן, און האבן באשלאסן פרובירן זייער מזל מיט דורון, תפילה און מלחמה. אין אנהויב האבן זיי פרובירט בארואיגן דעם הונט מיט פארשידענע ברומערייען, אבער ער האט צוריק רעאגירט מיט ווילדע בילערייען. זיי האבן פרובירט זאגן די פסוק וואס איז באוואוסט צו זאגן אין אזא מצב, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. דער הונט איז געבליבן שטיין אויף זיין פלאץ.

צו די שטאפל פון מלחמה זענען זיי נישט אנגעקומען, זיי האבן שוין פארשטאנען אז עס האנדלט זיך דא מיט א אומבויגזאמע הונט וואס עס לוינט זיי נישט זיי זאלן האבן צו טון מיט אים, נישט האבנדיג קיין אנדערע וועג האבן זיי באשלאסן צוריק גיין אויף די הויפט גאס, און האבן געהאפט אז זיי וועלן זוכה זיין צו קפיצת הדרך וואס וועט זיי ברענגען צו זייער אכסניא בעפאר די זון וועט אונטער גיין.

די זון האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין און די צוויי האבן אנגעהויבן לויפן אויף די הויפט גאס, ביז זיי זענען אנגעקומען צו די טויער פון די ישוב.

זיי האבן שוין געהאלטן ביים אריינגיין אין די טויער, אבער דעמאלטס האבן זיי אפגעהאקט זייער לויפן הערנדיג א גרודער פון א ביטערע געוויין. און צו זייער איבערראשונג האבן זיי באמערקט א אלטע פרוי שטייט אין די זייט און וויינט ביטערליך. זייענדיג יהודים רחמנים בני רחמנים, האבן זיי זיך נישט גערעכנט מיט זייער ענגע צייט, און האבן זיך געווענדן צו איר ריכטונג און זיך אינטערעסירט אין איר ענגשאפט.

די פרוי האט אויפגעהויבן אירע פארוויינטע אויגן, און ווען זי האט באמערקט די צוויי מלאכים וואס זענען געשיקט געווארן ווי פון הימל האט זיך אויסגעשפרייט א שמייכל פון דאנק און לויב אויף איר געזיכט און האט אפגעוואשט אירע טרערן מיט די טאשן-טיכל וואס זי האט געהאלטן אין האנט.

נעבן איר זענען געווען צוויי שווערע רענצלעך, און אן זי זאל דארפן זאגן א ווארט האבן זיי ביידע פארשטאנען וואס זיי דארפן טון, יעדער פון זיי האט גענומען איין רענצל, און האבן אנגעהויבן ארויפקריכן די בארג אויף ארויף, ווען די אלטיטשקע שלעפט זיך נאך אונטער זיי.

צו זייער גרויסע וואונדער האבן זיי אנגעיאגט אנקומען צו די הייליגע ציון אין די צייט פון צינדן-ליכט. זיי האבן געהאלפן פאר די אלטיטשקע שלעפן אירע רענצלעך ביז איר אכסניא, פון דארט האבן זיי געוואלט לויפן צו זייער אכסניא, אבער די אלטיטשקע האט זיך געבעטן פאר זיי זיי זאלן ווארטן איין מינוט, ווייל זי וויל זיך באדאנקען פאר זיי אזוי ווי עס פאסיג פאר די חסד וואס זיי האבן געטון מיט איר.

"ענק זענען אנגעקומען צו מיר אזוי ווי מלאכים פון הימל", האט די פרוי געזאגט, "נאך וואס איך האב געווארט א לאנגע צייט אז עמיצער זאל מיר העלפן שלעפן די שווערע רענצלעך ביז מיין גאסטהויז. ווען עס איז געהערט געווארן די פייף וואס דערציילט אז די צייט פון שבת דערנענטערט זיך בין איך אינגאנצן צובראכן געווארן. איך בין געווען זיכער אז איך וועל דארפן איבערלאזן מיינע רענצלעך אויפן גאס ווי הפקר, און אליין ארויף גיין צו מיין גאסטהויז ווען מיט מיר האב איך נאר דער קלייד אויף מיר.

אבער בעפאר איך האב זיך מייאש געווען, האב איך באשלאסן צו דאווענען א תפילה פון טיפן הארץ. איך האב געדאוונט צו השי"ת מיט הייסע טרערן: 'רבון העולמים איך קען נישט טראכטן אז איך וועל מוזן מפקיר זיין מיינע רענצלעך, אינמיטן גאס, איך בעט, שיק מיר דיין הילף פון הימל און ראטעווע מיך פון דעם צושטאנד וואס איך געפון זיך יעצט".

עס איז נישט אריבער איין מינוט פון ווען איך האב געענדיגט מיין תפילה, און אט זענען ענק אנגעקומען ווי מלאכים פון הימל, און אן צו זאגן א ווארט האבן ענק ארויפגעשלעפט מיינע רענצלעך אויף די בארג ארויף. ביז ווען מיר זענען דא אנגעקומען און ענק האבן געעפענט ענקער מויל, בין איך זיכער געווען אז ענק זענען מלאכים. אבער יעצט ווען איך האב זיך איבערגעצייגט אז ענק זענען מענטשן, וויל איך זיך באדאנקען פאר ענק פון טיפן הארץ אויף ענקער הילף, און וואונטשן אלעס גוט'ס".

די אלטיטשקע האט געענדיגט אירע ווערטער, און די צוויי האבן איר צוריק געוואונטשן און זיך געאיילט צו זייער וועג. די שפעטע שעה האט זיי נישט ערמעגליכט צו דערציילן פאר די אלטיטשקע אז טאקע אזוי, דורך איר תפילה איז פון הימל געשיקט געווארן א אפהאלט אין זייער קורצע וועג. אזוי האבן זיי געמוזט אריבער גיין די פלאץ וואו זי איז געשטאנען און געווארט אויף א ישועה, און זיי זענען געווען פאר איר ווי גוטע שלוחים איר העלפן אנקומען צו איר אכסניא מיט אירע שווערע רענצלעך.

געהערט געווארן פונעם בעל המעשה

shay עיצובים